ת"ת תורה ויראה
דרב"י מסאטמאר
קרית יואל
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בעזהשי"ת

# זקניך ויאמרו לך

גליון
תתקמ"ב
פרשת שלח
שנת תשפ"ו לפ"ק

ז' תתקלב) עס דערציילט אונזער ויידע
**הרב החסיד בנש"ק ר' אלי' גרויס שליט"א** מבערבעשט

**דער רבי טוט אן דאס ערשטע מאל די הייליגע ירושה "תפילין דרבינו תם"**

מיר האבן זוכה געווען אלע יארן צו א קירבה יתירה ביי **כ"ק מרן רבינו הגה"ק הברך משה זלה"ה.**

עס איז געווען נאך די הסתלקות פון **כ"ק מרן רביה"ק הדבר"י זלה"ה**, ווען דער רבי מרן הבר"מ ז"ל איז אהיימגעקומען פון קעמפ קיין בארא פארק, האט ער באקומען די 'ירושה תפילין דרבינו תם', וואס רביה"ק ז"ל האט געלייגט א משך פון 70 יאר מידי יום ביומו, וואס ער האט געהאט בירושה פונעם הייליגן **קדושת יו"ט זלה"ה**, געשריבן בקדושה יתירה דורכן סופר מומחה רבי שמואל סופר ז"ל וואס האט זוכה געווען צו גילוי אליהו זלה"ה.

איך געדענק א נאכט בעפאר, ווען דער רבי איז אהיים געקומען פון קרית יואל מיט די ירושה תפילין, ווי דער רבי ז"ל האט ארום געזוכט א בכבוד'יגן תפילין בייטל וואו אריינצולייגן די הייליגע תפילין.

למחרת היום האב איך געדאווענט מיטן רבי'נס מנין אין סיגוטער ביהמ"ד אין בארא פארק, דאן האט דער רבי צום ערשטן מאל אנגעטון די הייליגע תפילין, דער רבי כדרכו בקודש איז דאך אלעס געווען זיין עבודה מתוך הסתר, ער האט אנגעטון די תפילין זייענדיג איבערגעדעקט מיטן טלית, אבער ווען ער האט זיך אויסגעדרייט צו וואשן די הענט, האב איך געזעהן ווי זיינע אויגן זענען געווען רויט פארוויינט כולו אש להבה. מ'האט געזעהן זייער קלאר אז דאס אנטון די הייליגע תפילין איז געווען פאר אים א גאר עקסטערע הייליגע עבודה.

ז' תתקלג) עס דערציילט אונזער עלטער פעטער
**הרה"ג ר' יקותיאל טייטלבוים שליט"א** ראה"כ תו"י

**כמה חלי ומרגיש גברא דמארי סייע**

עס האט דערציילט אאמו"ר הגה"ח רבי **אלחנן חיים טייטלבוים** ז"ל, אז עס איז געווען אמאל ווען דער **עצי חיים** זלה"ה איז געקומען קיין איהעל אויף א באזוך, איז געווען בבית האכסניא א '**צוג**' און מ'האט געברענגט א שאל פארן עצי חיים אז ער זאל זיך ארומוויקלען, כדי נישט צו געשעדיגט ווערן פונעם 'צוג'.

דער עצי חיים האט דאס אנגעטון, אבער ער האט דאס תיכף צוריק אויסגעטון און צוריק געגעבן, צו אלעמענס וואונדער. שפעטער האט זיך ארויסגעשטעלט אז די שאל האט באלאנגט פאר א פרוי. און דער עצי חיים בגודל קדושתו האט דאס מרגיש געווען, ממילא האט ער דאס נישט געוואלט אנטוהן.

ז' תתלד) עס דערציילט אונזער ויידע
**הרה"ח ר' שלום אליעזר פראנקעל הי"ו** גזבר דקהלתינו הק'

**א ביזנעס מיט קנאבל...**

ביי **הרה"ק רבי איציקל מפשעווארסק זלה"ה** איז אלעמאל געווען די טיר אפן, יעדער האט געקענט אריינגיין אין שטוב ווען ער האט געוואלט. אפילו ווען ער פלעגט ליגן אין בעט – ווי עס איז געווען זיין אפטער שטייגער זיך אראפצולייגן אין בעט - אנגעטון מיט די בגדים אפילו מיטן הוט, האט מען געקענט אריינקומען אין צימער זיך געזעגענען.

איז געווען אמאל ווען עס איז אנגעקומען א נגיד פון אמעריקע, און ער איז אריין צו רבי איציקל, ווען עס איז בשעת מעשה דארט געווען חתנו **הרה"ק רבי יענקעלע זלה"ה**, האט זיך דער נגיד אנגערופן צו רבי יענקעלע "וואו האט דער שווער געזעהן דער מנהג פון טיילן קנאבל מוצאי שב"ק, מ'שטופט זיך, און מ'נעמט געלט, וואו האט ער מקבל געווען דאס ענין?!".

רבי יענקעלע איז געזעסן דארט און אריינגעקוקט אין א ספר, הערנדיג די שאלה האט ער זיך פארטראכט און געענטפערט "דער שווער איז געווען אמאל אין אמעריקע, און ער האט געטיילט קנאבל, האט ער געזעהן אז מ'שטופט זיך צו נעמען, האט ער פארשטאנען אז דאס איז א גאר טייערע ארטיקל אין אמעריקע, האט ער מחליט געווען אז ער וועט טיילן קנאבל, און פארדינען געלט דערויף"...

האט זיך רבי איציקל אויסגעדרייט און אנגערופן "**וואס זאגסטו אים אויס אלע מיינע סודות**"...

אזוי האבן די צוויי לעכטיגע צדיקים באהאלטן זייער הייליגע עבודה.

ז' תתקלה) עס דערציילט אונזער ויידע
**הרה"ח ר' וואלף נויאוויטש הי"ו**

**א אידישע פרוי דארף אירע צירונגען צום לעכט צינדן**

עס איז געווען אמאל ביי א געלעגנהייט ווען **הרבנית הצדקנית ע"ה** האט זיך אויסגערעדט פאר **כ"ק מרן רביה"ק ז"ל** איבער איר שווערן מצב, ווען זי האט ליידער נישט זוכה געווען צו אייגענע קינדער, און זי האט זיך ארויסגעזאגט: "יעדע אידישע פרוי האט צירונגען אין דער היים וואס זי טוט אן ווען עס איז א זמן שמחה אין שטוב. איך האב אויך צירונגען, איך האב אבער נישט ווען איך זאל דאס אנטון"...

האט דער רבי געזאגט: "דער זמן ווען א אידישע פרוי דארף אנטון אלע אירע צירונגען איז פרייטאג צונאכטס ביים לעכט צינדן"...

ווי באקאנט, פקודתו שמרה רוחה, און די רביצין ע"ה פלעגט אלע יארן זייער מקפיד זיין דערויף אין אלע מצבים, אז פרייטאג צונאכטס ביים לעכט צינדן צו מקבל זיין פני שבת מלכתא מיט אלע תכשיטים און צירונגען, אזוי ווי עס פאסט זיך אויפצונעמען דעם הייליגן שבת.

ז' תתקלו) עס דערציילט אונזער ויידע
**הרה"ח ר' הילל ווייס הי"ו**

**והוא קללני קללה נמרצת**

עס האט דערציילט הרה"ח ר' מאיר מנחם (מענדל) בראך ע"ה, ער איז געווען פון די מקורבים ביי **הרה"ק רבי אברהם יושע פריינד זלה"ה דער נאסאדער רב**. איינמאל איז ער געווען אויף א שב"ק אין א שטאט וואו דער נאסאדער רב איז געווען צו גאסט.

שבת צופרי האט דער נאסאדער רב באמערקט אז דער שו"ב איז נישט אין ביהמ"ד ביים דאווענען, האט ער זיך פאראינטערעסירט וואס גייט פאר. האט מען אים געזאגט אז איינער פון די תושבי העיר האט אים פאר'מסר'ט ביי די ממשלה, און ער קען נישט קומען אין ביהמ"ד.

דער נאסאדער רב האט דאס געהערט, האט ער געבעטן דעם גבאי'ן אויסרופן אז ער וועט זאגן א דרשה שבת נאכמיטאג אין ביהמ"ד. האט דער גבאי געפרעגט 'וועלכע סוגיא וועט דער רבי רעדן? וואס זענען די מראי מקומות וואס דער עולם זאל זיך פארקוקן?!', האט ער געזאגט "מ'וועט שוין הערן בשעת מעשה".

שבת נאכמיטאג איז דער עולם צונויפגעקומען צו די דרשה, אין וועלכן ער האט מוחה געווען קעגן דעם מסור, און ער האט געזאגט בשעת מעשה גאר שארפע דיבורים, אז דער מסור וועט שטארבן, און נישט איבערלאזן קיין דורות ה"י.

עס איז געווען א פחד פון א מעשה.

דער מסור האט געהאט איין בת יחידה, נאך יענעם שב"ק גייענדיג צו שלש סעודות, האט מען געהערט די שוידערליכע נייעס אז א ווילדער הונט האט באפאלן דאס מיידל, און איר אויפגעפרעסן ל"ע.

ביי מלוה מלכה איז דער נאסאדער רב געזעסן מיטן עולם, וואס איז נאך געווען אויפגעציטערט פון די לעצטע נייעס. אינמיטן איז אנגעקומען די פאליציי און געקלאפט אויפן טיר אין ביהמ"ד, דער עולם האט זיך זייער דערשראקן און מ'האט געמאכט פליטה פון ביהמ"ד. נאר ר' מענדל איז דארט געבליבן זיצן נעבן דעם נאסאדער רב וועלכער איז געזעסן פאר'דביקות'ט, ווען דער נאסאדער רב האט זיך אויפגעכאפט, און געזעהן די פאליציי, האט ר' מענדל איבערגעזאגט פארן נאסאדער רב אז די פאליציי איז דא מיט א טענה אז ער האט גע'הרג'עט דעם מסור'ס טאכטער.

האט דער **נאסאדער רב** געזאגט "איך קען איר נישט, איך ווייס נישט ווער זי איז, ווי

קען זיין אז איך האב איר גע'הרג'עט ? !'

זאגן זיי "איר האט איר טאקע נישט גע'הרג'עט, אבער איר האט איר פארשאלטן".

זאגט דער נאסאדער רב געזאגט "אזוי?! **אויב מיין קללה העלפט, זאג זיי זאלן גיין, אז נישט זאג איך שוין א צווייטע...**"

ווי די פאליציי האט דאס געהערט האבן זיי געהויבן פיס און געמאכט פליטה פון דארט מיטן לעצטן אטעם.

ז' תתקלז) עס דערציילט אונזער זיידע

**הרה"ח ר' שלום האלפערט שליט"א**

<u>שוב יום אחד לפני מיתתך</u>

עס איז געווען שמחת תורה תשכ"ט, בערך א האלב יאר נאכדעם וואס **כ"ק מרן רביה"ק זי"ע** איז נישט געזונט געווארן מיטן סטראוק, און דער רבי איז געווען במשך די גאנצע תקופה מחוץ לעיר, און נאר אויף די ימים טובים איז ער אהיימגעקומען.

יענעם שמחת תורה האט דער רבי געפראוועט די הקפות אין בית המדרש, אבער צו נעילת החג איז ער נישט אריינגעקומען צום ציבור, נאר ביי זיך אין שטוב אויף 500 בעדפארד, איז דער רבי ארויסגעקומען פון ספרים צימער צום 'זילבער שטוב', און דארטן זענען געווען געציילטע מקורבים, און דער רבי האט פארגעלערנט די גמרא מסכת ברכות כנהוג.

עס זענען געזעצן ביים טיש דער ערשטער דער משב"ק הרה"ח ר' **יוסף אשכנזי** ז"ל, דערנאך הרבני הנגיד ר' **געציל בערגער** ז"ל פון לאנדאן, דער דריטער איז געזעצן הרבני הנגיד ר' **ישראל זופניק** ע"ה.

דער רבי האט געלערנט די גמרא אין מס' ברכות כנהוג, ווען ער האט פארגעלערנט די תפילה פון רב וואס מען זאגט ביי ברכת החודש "**חיים של חילוץ עצמות**", האט זיך ר' ישראל זופניק אנגערופן "רבי, איך וויל זאגן א פשט, 'חילוץ' איז א לשון פון אויסטון, כלשון הפסוק 'החלצו מכם אנשים למלחמה', 'וחלצו את האבנים', **מ'איז מתפלל 'חיים', מ'זאל האבן א לעבן 'של חילוץ עצמות', מ'זאל זיך אויסטון פון די עצמיות, מ'זאל נישט מיינען גארנישט פאר זיך, נאר לשם שמים**".

דער רבי האט זיך א רגע פארטראכט, און דאן געפינטלט מיט די אויגן אויף ר' ישראל און געזאגט דריי מאל "ס'איז א פיין ווארט, ס'איז א פיין ווארט, ס'איז א פיין ווארט"...

שפעטער, ווען מ'איז געגאנגען דאווענען מעריב, דער עולם האט געדאוונט אין די דערנעבנדיגע 'זילבער שטוב', און דער רבי איז אריין צוריק אין זיין ספרים צימער, האט מיר דער רבי א זאג געגעבן "ר' ישראל איז טאקע א בעל הבית, אבער ער האט געזאגט א פיין ווארט." און דאס זעלבע האט זיך איבערגע'חזר'ט אסרו חג אינדערפרי, ווען איך בין געקומען משמש זיין ביים רבי'ן, האט נאך דער רבי געהאלטן פאר די אויגן דאס ווארט, און ער זאגט מיר, "ר' ישראל, ער איז טאקע א בעל הבית, אבער ער האט נעכטן געזאגט א פיין ווארט." און מען האט געזען אז דער רבי איז געווען זייער איבערגענומען פון דאס ווארט וואס עס האט געזאגט א איד א בעל הבית.

ז' תתקלח) עס דערציילט אונזער זיידע

**הרה"ח ר' שמעון פריעדמאן הי"ו**

<u>דעם רבי'נס הייליגע עבודה ביים אנטוהן די תפילין דרבינו תם</u>

איך האב ב"ה געהאט די זכי' אומצאליגע מאל, מיטצוהאלטן די עבוה"ק פון **כ"ק מרן רביה"ק זלה"ה** ביים אנטוהן די תפילין.

דעם רבי ז"ל האט זייער געשטערט ווען מ'האט אים באטראכט בשעת די עבודה"ק פון תפילין לייגן. די בחורים פלעגן געווענליך שטיין ארום און צוגעקוקט די הימלישע עבודה, און דער הויז-בחור פלעגט כסדר פארשיקן די בחורים אז דער רבי זאל נישט באמערקן אז מ'שטייט ארום.

ביז שנת תשכ"ד, ווען דער רבי האט געליטן אויף א מסוכנ'דיגער רויז ה"י, פלעגט ער לייגן די תפילין דרבינו תם אין ביהמ"ד נאכן דאווענען. און ער האט זיך אוועק געזעצט לערנען זיינע שיעורים א לענגערע צייט. עס האט אפטמאל געקענט פאסירט אז דער רבי איז געזעסן א לענגערע צייט אליין אין ביהמ"ד מיט א 'מקראות גדולות חומש' ואין איש עמו בבית.

שפעטער פלעגט דער רבי אריינגיין אין אפיס פונעם משמש הרה"ח ר' יחזקאל ווערצבערגער ע"ה, דארט האט ער אנגעטון די תפילין דר"ת, און געלערנט זיינע שיעורים.

איך געדענק ווען איינמאל האט דער רבי יא געלייגט תפילין אינדערויסן, און א בחור האט זיך אריינגעבויגן צו באטראכטן דעם רבי'ן, און דער הויז-בחור הרה"ח ר' יעקב עקיבא וויינשטאק שליט"א האט אים אוועק געשיקט, און געפרעגט "האסט נאכנישט געזעהן גענוג מאל ווי אזוי דער רבי לייגט תפילין ?".

זאגט דער בחור "כ'האב שוין געזעהן ווי דער רבי לייגט תפילין דרש"י, אבער די תפילין דרבינו תם לייגט דער רבי געווענליך אינעווייניג, ממילא וויל איך דאס באטראכטן".

האט איהם ר' עקיבא געזאגט "דער רבי לייגט די תפילין דרבינו תם מיט די זעלבע עבודה, און די זעלבע תנועות, ווי ביי די תפילין דרש"י"...

ז' תתקלט) עס דערציילט אונזער עלטער פעטער

**הרה"ח ר' חיים שלום טובי' גדלי' פעקעטע הי"ו**

<u>דער טעפליקער רב איז מעיד אויף הרה"ק רבי שלמה'קע זעהווילער</u>

מיין שווער הרה"ח ר' **הערש פינחס הכהן מאשקאוויטש** ז"ל האט געהאט א נאנטע שייכות מיט גאר אסאך פון די גדולי ירושלים אין זיין צייט, האט ער מיך אמאל פארציילט אז עס איז געווען דער באקאנטער גדול בישראל דער 'שר ההוראה' דער **טעפליקער רב זצ"ל** איז געזיצן שבעה ל"ע נאך א בן משפחה, איז מיין שווער ארויפגעגאנגען צו אים מנחם אבל זיין, האט ער אים געבעטן אויב קען אביסל זיין צוזאמען מיט אים, ער קען דאך נישט לערנען, וויל ער מיט איינעם פארברענגען.




זענען זיי געזיצן צוזאמען אפאר שעה, און אזוי ווי מען טאר דאך נישט לערנען, און דער טעפליקער רב איז דאך געווען א גאון עולם, האט ער נישט געוואלט מהרהר זיין בדברי תורה, האט ער געמאכט 'ווערטלעך' ווי מען זאגט זיך אונטערצוהאלטן [מיין שווער האט מיר עס פארציילט אויף דעם ארויף צו ברענגען א ראי' אז מאכן ווערטלעך הייסט נישט קיין שמחה וואס איז אסור בימי אבילות].

אינצווישן איז ארויפגעקומען הרה"ק ר' **שלמה'קע זוועהילער** זי"ע - ער איז געווען א קרוב משפחה, ווייל דער **טעפליקער רב** איז געווען א אייניקל פון הרה"ק ר' **מיכל מזלאטשוב** זי"ע, דער ראש השושלת פון די זוועהילער גזע - און זיי זענען דארט געזיצן צוזאמען א שטיק צייט.

ווען רבי שלמה'קע איז ארויסגעגאנגען רופט זיך אן דער טעפליקער רב פאר ר' הערש פינחס, דער ר' שלמה'קע איז א בטלן, האט ער א 'יאכנע' - מיינענדיג זיין רביצין ע"ה - זי שטעלט צו א טאפ וואסער צו קאכן און לייגט אריין דערין די פלייש, וויבאלד ס'הייבט אן צו 'בלעזלען' מיינט זי אז די פלייש איז שוין אפגעקאכט און זי גיבט עס פארן מאן, און רבי שלמה'קע מיינט אז בעסערס פון דעם איז נישט פארהאן, ער ווייסט גארנישט אז די פלייש איז נאך רוי, עס איז נאכנישט אפגעקאכט... ער האט געמיינט ארויסצוברענגען דערמיט - אויף א ווערטלדיגן אופן - דאס פרישות פון ר' שלמה'קע וואס האט נישט די מינדעסטע אהנונג אין עניני עולם הזה.

**

**תיקון טעות:** אינעם גליון **'זקניך ויאמרו לך'** (בהעלתך תשפ"ו, תתקמ"א, אות ז' תתקכ"ז) איז געווען געדרוקט א מעשה אז מען האט געברענגט פאר הרה"ק רבי שלום אליעזר'ל מראצפערט זצ"ל א חומש 'תורה תמימה', און רבי שלום אליעזר האט געזאגט **"דער טאטע האט נישט געהאלטן פון דעם חומש"** (ער האט געזאגט דעם אויסדרוק 'א ליטווישער חומש') און ער האט געהייסן ברענגען א צווייטע חומש...

במציאות איז דער חומש "תורה תמימה" נאכנישט געווען געדרוקט בחייו, עס איז הערשט ארויסגעקומען בשנת תרס"ב.

אולי איז די מעשה געווען מיט אן אנדערן ליטווישן חומש, אדער איז אריינגעפאלן א צווייטע טעות אין די מעשה וואס איז נישט שייך מברר צו זיין.

וטעות לעולם חוזר.

**כל הזכיות שמורות למערכת זקניך ויאמרו לך:** צו איבערגעבן הערות, סיפורי צדיקים - מנדב זיין א גליון לעילו נשמת,
אדער נעמען א טייל אינעם קומענדיגן חלק וואס גייט בקרוב אין דרוק בס"ד: ביטע רופט די מערכת **Tellerkj@gmail.com/845-783-0735**